אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




פרשת בהר - בחוקותי תש"פ • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 159

## אמרות שמשון

### צדיקים דארפן נישט ארבעטן פאר פרנסה | אויב מען איז נישט זוכה, האט מען א חיוב צו ארבעטן | ערקלערונג אין די לשונות פון די פסוקים

**דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'. שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְמֹר כַּרְמֶךָ וְאָסַפְתָּ אֶת תְּבוּאָתָהּ (כה, ב - ג):** מען דארף פארשטיין פארוואס פאנגט אן די פסוק מיט א לשון רבים **כִּי 'תָבֹאוּ' אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן 'לָכֶם' וגו'**. און ענדיגט צו מיט א לשון יחיד, **שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע 'שָׂדֶךָ' וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְמֹר 'כַּרְמֶךָ' 'וְאָסַפְתָּ' וגו'.**

נאך דארף מען פארשטיין, פונעם לשון הפסוק, **'שש שנים תזרע'**, איז משמע אז עס איז א מצוה און פליכט צו אנזייען און ארבעטן די גאנצע זעקס יאר.

דארף מען פארשטיין פון ווי קומט דער חיוב צו ארבעטן זעקס יאר? פשטות לערנט מען אז דער חיוב איז נאר אז די זיבעטע יאר דארף מען רוען, אבער די גאנצע זעקס יאר קען יעדער טון מיט זיין פעלד וואס זיין הארץ באַגערט.

די תירוץ איז, עס שטייט אין חז"ל (כתובות קיא:), לעתיד לבא וועט זיין א ברכה אויף די וועלט, מען וועט נישט דארפן ארבעטן און זיך אנשטרענגן פאר פרנסה.

און אזוי וואלט אויך געדארפט זיין אויפן וועלט איידער אדם הראשון האט געזינדיגט מיטן 'חטא עץ הדעת'. אבער נאכן חטא האט דער אויבערשטער באשטראפט דעם מענטש (בראשית, ג, יט), **בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם**. א מענטש וועט זיך מוזן אנשטרענגן און שווער ארבעטן צו האבן פרנסה.

דאס זעלבע זאך וועט זיין אויב גאנץ כלל ישראל וועלן זיין צדיקים און וועלן טון דעם רצון ה'. וועט ערפילט ווערן די פסוק **וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'**, מען וועט זיך נישט דארפן אנשטרענגן פאר פרנסה. נישט נאר די זיבעטע יאר נאר גאנצע זיבן יאר וועט די פעלד קענען רוען און מ'וועט נישט דארפן ארבעטן, ווייל די ארבעט וועט געטון ווערן פון זיך אליינ'ס אזוי ווי עס וועט זיין לעתיד לבא.

אבער אויב וועט זיין א יחיד צווישן כלל ישראל וואס וועט נישט זיין ראוי פאר דעם, אזא איינער וועט זיך נישט קענען ארויסדרייען פון נישט ארבעטן ווייל ער איז נישט ראוי פאר דער נס, ער וועט זיין מחויב צו ארבעטן און זיך מטריח זיין פאר פרנסה.

מיט דעם קען מען פארטייטשן די פסוקים, די תורה פאנגט אן, **דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם**, מיט א לשון רבים וועלכע באציט זיך צו אלע סארטן אין כלל ישראל וואס קומען אריין אין ארץ ישראל.

דערנאך זאגט די פסוק ווייטער, **וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'**, דאס גייט ארויף אויב כלל ישראל וועלן אלע זיין צדיקים וועלן זיי גענצליך נישט דארפן ארבעטן, עס וועט זיין **'מלאכתן נעשית על ידי אחרים'** (ברכות לה:), און אלע וועלן זוכה זיין אז די פעלדער וועלן קענען רוען גאנצע זיבן יאר.

דערנאך זאגט די פסוק ווייטער, **שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְמֹר כַּרְמֶךָ וְאָסַפְתָּ אֶת תְּבוּאָתָהּ**, דאס גייט ארויף אויף א מענטש וועלכע איז נישט ראוי צו ווערן געשפייזט אנדעם וואס ער ארבעט. פאר אים זאגט די פסוק מיט א לשון 'ציווי' ער איז מחויב צו ארבעטן כדי צו ברענגען פרנסה (אזוי אדם הראשון איז געשאלטן געווארן). דערפאר באנוצט זיך די פסוק מיט א 'לשון יחיד' ווייל נאר דער יחיד וואס איז נישט ראוי פארן נס איז מחויב צו ארבעטן.

(פרשת בהר אות א' ד"ה ובדרך זה)

### שכר וואס דער אויבערשטער באצאלט איז נישט קיין ריבית | תלמידי חכמים מעגן פארבארגן מיט ריבית | כלל ישראל טוט מצות בתורת מתנה | שכר אויף די וועלט איז א דבר מועט | בעולם הבא איז נישטא קיין איסור ריבית

**אַל תִּקַּח מֵאִתּוֹ נֶשֶׁךְ וְתַרְבִּית וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ וְחֵי אָחִיךָ עִמָּךְ אֶת כַּסְפְּךָ לֹא תִתֵּן לוֹ בְּנֶשֶׁךְ וּבְמַרְבִּית לֹא תִתֵּן אָכְלֶךָ (כה, לו - לז):** עס ווערט געברענגט אין חז"ל (בבא בתרא דף י.): **אמר רבי יוחנן מאי דכתיב** (משלי יט, יז), **מַלְוֵה יְיָ חוֹנֵן דָּל. אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאומרו, כביכול עבד לוה לאיש מלוה**. דער מענטש וואס איז א 'חונן דל' (ער טוט צדקה און חסד מיט צובראכענע און ארימע מענטשן), ווערט דער מענטש כביכול א פארבארגער פארן אויבערשטן, און דער אויבערשטער וועט אים צוריק באצאלן אויף דאס וואס ער האט זיך געלאזט קאסטן און אויסגעצאלט געלט צו טון חסד מיט אנדערע, (גלייכצייטיג איז דאס ביי יעדע מצוה וואס א מענטש לאזט זיך קאסטן צו מקיים זיין די מצוה, אזוי ווי קויפן א לולב א. ד. ג.)

עס שטייט אין חז"ל (עיין ויקרא רבה ל, א. ביצה טז. ועוד), דער אויבערשטער באצאלט שכר פאר דער מענטש וואס איז מקיים זיינע מצות. דאס הייסט אויסער דעם וואס ער באקומט צוריק באצאלט די געלט וואס ער האט אויסגעגעבן פארן מצוה, דערצו באקומט ער אויך שכר.

שטעלט זיך די קשיא, לויט דעם אויבנדערמאנטע גמרא אז דער אויבערשטער ווערט אנגערופען א 'לוה' פאר דער וואס צאלט געלט צו מקיים זיין א מצוה. קומט אויס, ווען דער אויבערשטער באצאלט צוריק פאר די מצוה און לייגט צו שכר, איז דאס ריבית (באצאלט צוריק מער ווי מען האט באקומען).

און עס שטייט אין חז"ל (סוטה דף יד.), דער אויבערשטער איז מקיים אלצדינג וואס שטייט אין די תורה, אויב אזוי ווי קען דער אויבערשטער צולייגן שכר עס איז ריבית?

מ'קען דאס פארענטפערן לויט ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שלחן ערוך (יו"ד סימן ק"ס סעיף י"ז), **תלמידי חכמים מותרים להלוות זה בזה בריבית לפי שיודעים שאסור ונותנים אותם במתנה גמורה. ודוקא בדבר מועט שאדם רגיל ליתן לחבירו במתנה אבל יותר מכן לא.** תלמידי חכמים זענען ערלויבט צו פארבארגן איינע פאר צווייטן מיט ריבית. וויבאלד זיי ווייסן עס איז אסור צו פארבארגן אויף ריבית, און זיי געבן אוועק דאס איבריגע טייל פאר א מתנה.

לייגט אבער צו דער שו"ע, דאס איז דוקא א קליינע סכום (ביז א פיפטעל), וואס דאס איז דער סדר צו געבן פאר א חבר, און מען זאגט אז ער געבט עס פאר א מתנה, אבער מער פון דעם איז אסור.

לויט דעם קען מען ערקלערן פשט, ווען א מענטש לאזט זיך קאסטן געלט פאר א מצוה, טוט ער דאס מיט'ן גאנצע הארץ און געבט דאס זיכער פאר'ן אויבערשטן 'במתנה גמורה'. אזוי ווי עס שטייט אין משנה (אבות א, ג), **היו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס**. מען זאל טון דעם רצון ה' אן צו טראכטן אז מען טוט דאס צוליב דער באלוינונג (שכר) וואס דער אויבערשטער געבט פאר די מצות, נאר מ'זאל דאס טון בלויז ווייל דאס איז דער רצון ה'.

קומט אויס ווען א איד טוט א מצוה און איז מקיים די רצון ה', ווערט דאס נישט פאררעכנט אלץ הלוואה נאר א 'מתנה גמורה', וואס ער דאס טוט געגצליך פארן רבוש"ע כדי צו טון זיין רצון, ממילא איז נישט פארהאן קיין פראבלעם פון ריבית.

❖❖❖

נאך קען מען צולייגן אויף די אויבנדערמאנטע הלכה אין שו"ע אז תלמידי חכמים מעגן פארבארגן נאר א קליינע זאך. לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (פאה פ"א מ"א), דער שכר וואס דער אויבערשטער באצאלט בעולם הזה איז נאר א קליינעם טייל - דבר מועט, אזוי ווי עס שטייט אין משנה (שם), **אדם אוכל 'פירותיהן' בעולם הזה 'והקרן' קיימת לו לעוה"ב**. דער עיקר שכר, די 'קרן' בלייבט פאר יענע וועלט, אבער די 'פירות' וואס איז נאר א קליינעם טייל דאס באקומט מען אויף די וועלט.

און ווי עס שטייט אין חז"ל (אבות ד, יז), **יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא יותר מכל חיי העולם הבא**, די שכר אויף יענע וועלט איז פילפאכיג מער ווערד פון אלע הנאות וואס איז נאר פארהאן אויף די גאנצע וועלט.

קומט אויס דער שכר אויף די וועלט איז נאר א 'דבר מועט', און דער אויבערשטער געבט דאס זיכער בתורת מתנה און נישט פאר א באצאלונג, ממילא איז נישטא דער

די המשך איז אין עמוד ב'

הוצאת הגליון והפצתו להצלחת צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

פראבלעם פון באצאלן מיט ריבית, אזוי ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שו"ע די הלכה ביי תלמידי חכמים.

און דער גרויסע שכר וואס מען באקומט אויף יענע וועלט, דאס איז גלייכצייטיג אויך נישט קיין פראבלעם פון ריבית, וויבאלד ווען א מענטש שטארבט ווערט ער פטור פון אלע מצות, און מ'קען אים שוין באצאלן מיט ריבית, און דארט באקומט ער דער פולע באצאלונג פאר זיינע מצות און מעשים טובים, ווי חז"ל דרש'ענען (עירובין כב.), **היום** (בעולם הזה) **לעשותן, ומחר** (בעולם הבא) **לקבל שכר**.

(פרשת בהר אות ד')

### דוד המלך האט נישט געוואלט גיין צום ביהמ"ד | דער וואס לערנט תורה ווערט באשוצט פון אלע קרענק | קעניגן האבן זיך געדארפט אויסלופטערן צוליב געזונט

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם (כו, ג):** דער 'מדרש' אויפן ארט (ויק"ר לה, א), שטעלט צו דער פסוק אין תהלים (קיט, נט), **חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ**. דוד המלך זאגט צום רבוש"ע, יעדן טאג פלעג איך טראכטן צו וועלכע ארט איך וויל היינט גיין, אבער מיינע פיס האבן מיר געטראגן אריין אין בית המדרש.

שטעלט זיך דער **'יפה תואר'** (רבי שמואל יפה אשכנזי זצ"ל, במח"ס 'יפה תואר' על מדרש רבה), וואס איז די באדייט פון דעם, אז דוד המלך וויל גיין צו געוויסע ערטער אבער זיינע פיס טראגן אים אומווילנדיג צו בית המדרש?

אויך דארף מען פארשטיין פארוואס האט דוד המלך זעלבסט נישט געוואלט גיין צום בית המדרש נאר געדארפט גיין דארט געצווינגערהייט צוליב וואס זיינע פיס האבן אים דארט געטראגן?

מען קען דאס ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (ברכות ד.), דוד המלך האט געבעטן דעם באשעפער (תהלים פו, ב), **שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי חָסִיד אָנִי**. היט מיר אפ ווייל איך בין א חסיד, איך בין אנדערש פון אלע אנדערע קעניגן וועלכע זיצן און פארברענגען די צייט מיט פארגעניגן און כבוד, אבער איך בין פארנומען מיט מלחמות און פסק'ענען הארבע שאלות.

דער **'עין יעקב'** דארט אויפן ארט איז מסביר, אז אלע אנדערע קעניגן האבן זיך געפירט זיך צו לאזן וואוילגיין מיט תענוגים צוליב דעם וואס זיי האבן געהאט די עול פון פירן דאס לאנד, וועלכע איז פארבינדן מיט דאגות און טרדות, און כדי דאס זאל נישט שאדן צום געזונט פלעגן זיי זיך שטענדיג אויסלופטערן זיך צו האלטן פריש און מונטער.

דאס האט דוד המלך געבעטן צום באשעפער, וויבאלד איך טו נישט די סארט זאכן, דעריבער בעט איך אז איך זאל בלייבן געזונט, טראץ וואס איך פיר זיך נישט מיט די אלע סארט תענוגים.

מיט דעם קען מען פארשטיין די מדרש ביי אונז אין פרשה, די אורזאך פארוואס דוד המלך האט געקלערט צו גיין צו געוויסע סארט ערטער איז געווען זיך צו אויסלופטערן פון די אלע טרדות און דאגות וואס ער האט געהאט פון זיין מלוכה. און ער האט געוואלט מקיים זיין דער פסוק (דברים ד, טו), **וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם**. און זיך היטן דאס געזונט אזוי ווי די תורה פאדערט.

אבער דערנאך האט זיך דוד המלך איבערגעטראכט מיטן פסוק (שמות טו, כו), **אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע וגו' כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ**. פון דער פסוק איז משמע א ספעציעלע צוזאג פאר די וואס זענען מקיים די מצות ה', אפילו אויב עס דארף קומען א געוויסע מחלה מצד דרך הטבע, וועט זיי דער אויבערשטער אפהיטן דערפון (ועיי"ש).

דאס זאגט דער מדרש, דוד המלך האט געזאגט, **חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי** איך האב געקלערט צו גיין צו געוויסע ערטער צוליב געזונט. אבער **וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ** כ'האב זיך געקערט צום ביהמ"ד וואס דורכדעם וואס מען לערנט תורה האבן מען די הבטחה פונעם אויבערשטן אז מען וועט נישט חלילה קראנק ווערן, דעריבער האט דוד המלך געוואנדן זיינע טריט צום ביהמ"ד.

(פרשת בחוקותי אות א')

### די ערד רוט נאכדעם וואס כלל ישראל ווערט פארטריבן | ארץ ישראל איז נאר גרויס ווען כלל ישראל איז דארט | גוים געפונען זיך בלויז אויף א קליינעם טייל אין ארץ ישראל

**אָז תִּרְצֶה הָאָרֶץ אֶת שַׁבְּתֹתֶיהָ כֹּל יְמֵי הֳשַּׁמָּה וְאַתֶּם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיכֶם אָז תִּשְׁבַּת הָאָרֶץ וְהִרְצָת אֶת שַׁבְּתֹתֶיהָ (כו, לד):** עס שטייט אין פסוק אז דער ערד וועט דארפן רוען אנטקעגן אלע יארן וואס כלל ישראל האט נישט אפגעהיטן די מצוה פון שמיטה און באארבעט זייערע פעלדער. דערפאר וועלן זיי פארטריבן ווערן אין גלות אזוי וועלן זיי נישט קענען ארבעטן אין זייערע פעלדער און די ערד וועט רוען.

שטעלט זיך די פראגע, וואס איז פשט אין אזא סארט עונש, אויב כלל ישראל ווערט פארטריבן ווערן פון לאנד, וועט ארץ ישראל אריינפאלן אין די הענט פון גוים, און זיי וועלן דאך זיכער ארבעטן מיט די פעלדער אויף שמיטות און יובלות. אויב אזוי ווי וועט ערפילט ווערן דעם פסוק **אָז תִּרְצֶה הָאָרֶץ אֶת שַׁבְּתֹתֶיהָ**?

ערקלערט דער 'זרע שמשון' לויט ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (גיטין נז.), **כתיב בה** (דניאל יא, מא), **וּבָא בְּאֶרֶץ הַצְּבִי. מה צבי אין עורו מחזיק את בשרו, אף ארץ ישראל בזמן שיושבים עליה רווחא, אין יושבים עליה גמדא**. דאס לאנד 'ארץ ישראל' איז געגליכן ווי די הויט פון א הערש, ווילאנג די הויט איז אויפן הערש איז די הויט די פאסיגער מאס, איינמאל עס גייט אראפ פונעם הערש, שרינקט דאס און ווערט קלענער.

דאס זעלבע איז מיט ארץ ישראל, ווילאנג כלל ישראל האט געוואוינט דארט, איז דער לאנד געווען גרויס און אויסגעצויגן, אבער נאכדעם וואס כלל ישראל איז פארטריבן געווארן פון דארט, האט זיך דאס לאנד צוזאמגעצויגן און געווארן פיל קלענער.

מיט דעם קען מען זייער שיין פארענטפערן די אויבנדערמאנטע קשיא, ווי אזוי וועט דער ערד רוען נאכדעם וואס כלל ישראל ווערט פארטריבן, די גוים וואס וועלן זיך דארט געפונען וועלן דאך ארבעטן אין שמיטה?

נאר וויבאלד נאכדעם וואס כלל ישראל פארלאזט דאס לאנד וועט דאס ווערן צוזאמגעצויגן און קלענער. טראצדעם וואס די גוים וועלן זיך געפונען דארט און ארבעטן אין שמיטה.

וועט דאס זיין בלויז אויף א קליינעם טייל פונעם לאנדשאפט, אבער מיינסטנס לאנד וואס די אידן האבן געארבעט אין שמיטה וועט רוען, צוליב דעם וואס די לאנד וועט ווערן אסאך קלענער ווי פארדעם.

(פרשת בהר אות א')

### קללות אין פרשת כי תבא זענען דאפעלט פון קללות אין פרשת בחקותי

**וְאִם בְּחֻקֹּתַי תִּמְאָסוּ וגו' (כו, טו):** מען קען ערקלערן פארוואס די קללות אין פרשת בחקותי איז ניין און פערציג (49), און די קללות אין פרשת כי תבא איז אכט און ניינציג (98). פונקטליך דאפעלט.

אויך דארף מען פארשטיין פארוואס זענען די קללות אין פרשת בחקותי געזאגט געווארן מיט **'לשון יחיד'**, און פרשת כי תבא איז דאס געזאגט געווארן מיט א **'לשון רבים'**.

וויבאלד אין **פרשת בחקותי** האט כלל ישראל נאכנישט געהאט מקבל געווען 'ערבות' וואס פארפליכטעט אחריות איין איד אויף א צווייטע איד, דעריבער האט יעדער איינער פארמאגט אחריות נאר אויף זיך אליינ'ס, און נישט געדארפט אינטערעסירן איבער א צווייטן. דערפאר איז דאס געזאגט געווארן בלשון יחיד וויבאלד יעדער האט אחריות נאר אויף זיך.

דאקעגן אין **פרשת כי תבא** וואס איז אנגעזאגט געווארן צו כלל ישראל אויף נאכדעם וואס זיי וועלן אריבערגיין דעם ירדן (אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'כי תבאו אל הארץ'). וואס נאכן אריבערגיין די ירדן האבן זיי שוין מקבל געווען ערבות איינע אויפן צווייטן, דעריבער איז געזאגט געווארן דאפעלט קללות. **א'.** אויב ער וועט נישט אפהיטן די תורה, **ב'.** אויך אויב זיין חבר וועט נישט מקיים תורה און מצות וועט די אחריות זיין אויף אים. דערפאר איז דאס אויך געזאגט געווארן מיט א לשון רבים כדי איינער זאל מקבל זיין אחריות אויף די אנדערע.

(פרשת בחוקותי אות ג' ד"ה והטעם)

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצייגענדע פרעזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן ארץ ישראל: 05271-66-450 בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו